**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פייערט צוויי הונדערטסטע יארטאג פון ניו יארק'ס טשעמפלעין קאנאל

***היסטארישע וואסער שטרום פארבינדנדיג די האדסאן ריווער צו לעיק טשעמפלעין האט זיך געעפנט אין 1823***

***'לאַקס' צווישן וואטערפארד און ווייטהאל שטיצן די ראיאן'ס עקאנאמיע; שטיינער ווערן אקטיווערהייט אריבערגעפירט דורך 'לאַקס' צו ניו יארק סיטי פאר קאנסטרוקציע פראיעקטן***

***קאנאל איז אויך א הויפט דעסטינאציע פאר פארוויילונג שיפלער און טוריזם***

***אנדענקנדע פלאקאט אויפגעדעקט היינט ביי באזיכער צענטער אין סקיילערוויל***

***ווידעאו פארעפנטליכט דא און בילדער זענען פארעפנטליכט דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די צוויי הונדערטסטע יארטאג פון די טשעמפלעין קאנאל איז געפייערט געווארן מיט א צערעמאניע ביי די Champlain Canal Region Gateway באזיכער צענטער אין סקיילערוויל. א טייל פון די 524-מייל-לאנגע ניו יארק סטעיט קאנאל סיסטעם, איז די 60-מייל-לאנגע טשעמפלעין קאנאל וואס פארבינדט די האדסאן ריווער צו לעיק טשעמפלעין צום ערשט געעפנט געווארן אין 1823, צוויי יאר פריער פון די פארענדיגונג פון די ערי קאנאל. ניו יארק פאווער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דזשאַסטין ע. דריסקאל, און ניו יארק סטעיט קאנאל קערפערשאפט דירעקטאר, ברייען יו. סטרעטאן, האבן פרעזענטירט פאר דער טשערימאן פון Historic Hudson Hoosic Rivers Partnership, טאם ריטשארדסאן, מיט אן אנדענקענדע פלאקאט וואס וועט ארויסגעשטעלט ווערן ביי די באזיכער צענטער צו אפצייכענען די געשעעניש.

"200 יאר נאך עס איז געעפנט געווארן, זעצט די היסטארישע טשעמפלעין קאנאל פאר צו דינען אלץ א קריטישע וואסער טראנספארטאציע רוט צווישן די האדסאן ריווער און לעיק טשעמפלעין, צוציהענדיג טוריסטן און ביישטייערנדיג צו די ראיאן'ס עקאנאַמיע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר פייערן איר צוויי הונדערטסטע יארטאג, קוק איך ארויס צו העלפן פארזיכערן אז די קאנאל"ס צוקונפט בלייבט לעבהאפטיג און שטאנדהאפטיג כדי עס זאל פארזעצן צו שטיצן לאקאלע קאמיוניטיס פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

אפיציעל געעפנט אום סעפטעמבער פון 1823, האט די טשעמפלעין קאנאל ערלויבט די ראיאן'ס עקאנאמיע צו בליהען אזוי ווי איינוואוינער און פארמער האבן געקענט ארויסשיקן פראדוקטן פאר ביליג אויף די נייע וואסער שטרום צו פארנומענע פארטן. שטיין, אייזן און פארם פראדוקטן ווי עפל, פוטער, קעז, תבואה און קארטאפל זענען אלע געגרוקט געווארן אויף קאנאל שיפן צו פארקויפט ווערן.

היינט ווערן די 11 'לאַקס' – סטרוקטורן וואס הייבן אונטער שיפן צו קענען אריבערפארן נידעריגע וואסערן – אויף די טשעמפּלעין קאנאל צווישן וואטערפארד און ווייטהאל נאכאלץ גענוצט פאר קאמערציעלע שיפּינג אדער לאקאלע פראדוקטן. היינטיגע צייטן ווערן שטיינער פון די עדיראַנדעקס אריבערגעפירט דורך 'טאַגבאָוט' און 'באַרדזש' שיפן צו די ברייטערע ניו יארק סיטי ראיאן צו שטיצן קאנסטרוקציע פראיעקטן.

אין צוגאב איז די טשעמפּלעין קאנאל א דעסטינאציע פאר מענטשן וואס האבן ליב דרויסנדיגע אקטיוויטעטן וועלכע זענען אינטערעסירט צו שיפלען אויף די וואסער שטרומים אדער צו אריינאטעמען די ראיאן'ס רייכע לאנדשאפטן בשעת'ן שפאצירן, הייקן אדער פארן אויף א ביציקל אויף די טשעמפּלעין קאנאלוועי טרעיל – יעצט א חלק פון די עמפּייער סטעיט טרעיל – וואס דרייט זיך לענגאויס חלקים פון די אריגינעלע אויסגעפלאסטערטע וועג אויף די זייט פון די קאנאל. די טשעמפּלעין קאנאל איז אויך א היים פאר עטליכע אומזיסטע אויספלוגן אונטער דעם ניו יארק פאווער אויטאריטעט און קאנאל קערפערשאפט'ס "אויף די קאנאלן" (On the Canals) פראגראם.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דזשאָסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "פאר 200 יאר איז די טשעמפּלעין קאנאל געווען א טרייב קראפט פאר עקאנאמישע אקטיוויטעט און אן אומשאצבאר קאנאל פאר דאס אריבערפירונג פון קאמעריציעלע סחורה און אזוי אויך אלץ א דעסטינאציע פאר פארוויילונג. אזוי ווי מיר צייכענען אפ די מאמענט אין די טשעמפּלעין קאנאל'ס היסטאריע און קוקנדיג אויף פאראויס, משל'ן מיר זיך אויס ביי די פּאַווער אויטאריטעט און ביי די קאנאל קערפערשאפט א קאנאל סיסטעם וואס טוט סיי באשיינען איר אייקאנישע פארגאנגענהייט און וואס ווערט אויך אויפגעפרישט פאר די קומענדיגע 100 יאר."

**ניו יארק סטעיט קאנאל קערפערשאפט דירעקטאר, ברייען יו. סטרעטאן, האט געזאגט,** "פון וואטערפארד ביז ווייטהאל, דינט די טשעמפּלעין קאנאל אלץ א פילפאכיגע וואסער שטרומים פאר ניו יארקער און באזיכער צוגלייך צו זעהן און געניסן דערפון. אלץ די פארוואלטער פון די קאנאל סיסטעם, ארבעט מיר ביי די קאנאל קערפערשאפט שווער יעדן טאג צו זיכער מאכן אז די טשעמפּלעין קאנאל און אזוי אויך די ערי, אסוויגאָו און קאַיוגע-סענעקא קאנאלן היטן אויף זייער עקאנאמישע און פארוויילונג באדייט פאר די קומענדיגע דור פון באניצער."

**סענאטאר טשאק שומער האט געזאגט,** "פאר צוויי הונדערט יאר איז די טשעמפּלעין קאנאל געווען א וויכטיגע עקאנאמישע און נאטורליכע מיטל, ביישטייערנדיג הונדערטע מיליאנען דאלארן אין ווערט פאר אפּסטעיט ניו יארק יעדעס יאר. פון די האדסאן ריווער און ארויף ביז לעיק טשעמפּלעין האט די היסטארישע וואסער שטרומים געהאלפן אויפהאלטן שטארק קאמיוניטיס מיט אומשאצבארע פארוויילונג און 60 מייל פון וואנטורעס פאר איינוואוינער און טוריסטן צוגלייך. איך וויל שטענדיג קעמפן צו היטן אויף די קאנאל'ס קריטישע מיטלען און היסטאריע — שטייענדיג אין שפּיץ פונעם קאמף אין די סענאט צו אפּהיטן איר נאטורליכע שיינקייט פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

**קאנגרעסמאן פאול ד. טאנקאָ האט געזאגט,** "פאר צוויי הונדערט יאר האט די טשעמפּלעין קאנאל געשפילט א הויפט ראלע אין אונזערע ראיאן'ס היסטאריע און מסורה, פארבינדנדיג אונזערע קאמיוניטיס און דינענדיג אלץ א קריטישע עקאנאמישע טרייב קראפט. די באשיצונג און פרעזערווירונג פון אונזערע וואסער שטרוימען איז קריטיש צו שטיצן וואוקס אין אונזער ראיאן, און איך האב דאס געמאכט אלץ א פריאריטעט אין קאנגרעס צו שטיצן די מיטלען פאר איינוואוינער און באזיכער צוגלייך צו געניסן. עס איז מיר אן עהרע זיך צו אנשליסן ביים אנדענקען 200 יאר פון די טשעמפּלעין קאנאל דינענדיג און פארבעסערנדיג אונזער קאמיוניטי. זאל עס זיין אזוי פאר נאך 200 יאר!"

**סטעיט סענאטאר דזשעימס טעדיסקאָו האט געזאגט,** "סאראטאָגע קאונטי און סקיילערוויל זענען באקאנט פאר זייער היסטאריע אלץ די ווענדפונקט פאר די אמעריקאנער רעוואלוציע און אלץ טייל פון די טשעמפלעין קאנאל וואס פארבינדט לעיק טשעמפלעין און די עדיראַנדעקס צו די האדסאן ריווער און ניו יארק סיטי. אזוי ווי מיר פייערן די צוויי הונדערטסטע יארטאג פון די טשעמפלעין קאנאל, קוק איך ארויס צו ארבעטן מיט מיינע סטעיט, לאקאלע און פעדעראלע קאלעגן צו זיכער מאכן אז די היסטארישע און הערליכע וואסער שטרומים זעצט פאר צו זיין דא פאר ניו יארקער און באזיכער פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד קערי ווערנער האט געזאגט,** "אין אנדענק פון די היסטארישע מאמענט, האט די ניו יארק סטעיט אסעמבלי אריבערגעפירט א לעגיסלאטיווע רעזאלוציע פריער דעם יאר צו אנערקענען די באדייט פון די טשעמפלעין קאנאל'ס צוויי הונדערטסטע יארטאג. די געוואלדיגע עקאנאמישע ווירקונג פון די 60-מייל-לאנגע וואסער שטרום צווישן די האדסאן ריווער און לעיק טשעמפלעין האט געהאלפן אויפבויען ניו יארק סטעיט און עס מאכן בליהען באמת. איך בין באגייסטערט ביז גאר זיך צו אנשליסן מיט די קאנאל פארוויילונג וועג קאמיסיע (Canal Recreationway Commission) אין פייערונג פון די וואסער שטרום וואס האט געשפילט א צענטראלע ראלע אינעם אוועקשטעלן די טייקאַנדעראָוגע און עדווארד שלעסער און ביים פארבינדן די עדיראַנדעקס צו קוויבעק און צו ניו יארק סיטי."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון Erie Canalway National Heritage Corridor, באב רעדליף, האט געזאגט,** "די טשעמפלעין קאנאל איז שוין געווען פולשטענדיג אין אפעראציע פון טראָי ביז לעיק טשעמפלעין אין 1823, צוויי יאר פריער פון די עפענונג פון די ערי קאנאל. היינט איז די טשעמפלעין קאנאל – אין צוגאב צו דאס זיין א קריטישע חלק פון א נאציאנאלע היסטארישע רוט און א נאציאנאלע וואסער טרעיל – אויך אנערקענט אלץ א נאציאנאלע היסטארישע פלאץ, שטעלנדיג דאס צווישן די לאנד'ס מערסט פראמינענטע היסטארישע ערטער. עס איז אונז אן עהרע צו שענקען א בראנזענע פלאקאט וואס וועט אינסטאלירט ווערן ביי 'לאַק' C5 צו די טשעמפלעין קאמיוניטי לכבוד איר צוויי הונדערטסטע יארטאג."

**Historic Hudson Hoosic Rivers Partnership פארזיצער, טאם ריטשארדסאן, האט געזאגט,** "היינט איז גאר א ספעציעלער טאג אריבער די וועג פון די טשעמפלעין קאנאל אזוי ווי מיר פייערן דעם וויכטיגן מאמענט. פאר צוויי הונדערט יאר האבן אונזערע ווילעדזשעס, טאונס און סיטיס געבליהט לענגאויס די קאנאל אזוי ווי אירע וואסערן האבן געשטיצט אונזערע פארמס, אינדוסטריעס און לאקאלע פרנסות. דורות זענען אויפגעוואקסן מיט די טשעמפלעין קאנאל אין זייער הויף, און אזוי ווי מיר פארשפרייטן די באקאנטשאפט מיט די קאנאל און ראיאן דורך די ארבעט פון די פארטנערשיפ, ווייסן מיר אז די סאמע בעסטע תקופה איז אין די צוקונפט און מיר קוקן ארויס צו די קומענדיגע 200 יאר."

אין 2025, אין די זעלבע צייט ווי די צוויי הונדערטסטע יארטאג פון די ערי קאנאל, וועט ניו יארק סטעיט אפהאלטן די אלוועלטליכע קאנאלן קאנפערענץ אין באפעלאו. די צוזאמקום וועט צוזאמברענגען הונדערטע קאנאל און וואסער שטרוימען ליבהאבער, פראפעסיאנאלן און געלערנטע פון ארום די וועלט צו לערנען איבער פארשידענע נושאים אין פארבינדונג מיט קאנאלן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418